**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ...**

בעזרת השי"ת ▪ נצבים וילך תש"פ ▪ גליון צ'

# א' סליחות - וואס מיינט דאס פאר אונז?

## לאמיר זיך באקאנט מאכן מיט דעם געוואליגע מתנה וואס דער אייבערשטער שענקט אונז איינמאל א יאר!

**דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזאגט:** די נקודה הפנימית פון א איד דערקענט מען דעם ערשטן טאג סליחות ווען אלע אידן שטייען אויף פארטאגס צו זאגן סליחות מיט א פחד און שרעק. ווען עס כאפט אן א פחד פונעם באשעפער אז מען דארף זיך אט אט שטעלן צום משפט אום ראש השנה, , דעמאלטס שפראצט ארויס די נקודה הפנימית וואס ליגט באהאלטן אין יעדע אידיש הארץ, דאס פינטעלע איד. (מפי הגה"צ מפאיע זצ"ל שקיבל מאבותיו- הובא בקונטרס "לאמיר דערציילן" נומער 19)

**וכאן הבן שואל?** "וואס דארף איך יעצט טוהן? וואס דארף זיין מיין עיקר עבודה אין די סליחות טעג, אז איך זאל קענען זוכה זיין אז דער הייליגן טאג ראש השנה זאל זיין ווי א יום טוב און נישט חלילה ווי א טרויער טאג?" **די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז...**

## לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די הייליגע טעג.....

**וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ לְמַעַן חַיֶּיךָ.** (דברים ל, ו)

די פסוק איז אלעמען באקאנט, זאגנדיג דאס כסדר ביי סליחות, איידער דעם פזמון פון שמע קולנו... אבער וואס מיינען די ווערטער? און וואס זאגט דא דער פסוק? דאס אלעס איז שוין נישט אזוי באקאנט!

אין די וואכנדיגע פרשה, געפונען מיר ווי משה רבינו, בו בזמן וואס ער זאגט מוסר פאר כלל ישראל, דערציילט עתידות פון דער גאולה שלימה. "טייערע אידן, איר זאלט וויסן, נישט אייביג וועט איר בלייבן אין גלות און זיך דארפן מוטשענען מיט די יצר הרע... עס וועט קומען א צייט, נאך זייענדיג צווישן די גוים, וואס איר וועט שטארק חרטה האבן אויף אייערע מעשים און תשובה טוהן מיט אן אמת און מיטן גאנצן הארץ, וועלנדיג נאכאמאל ווערן נאנט מיטן אייבערשטען...

דער אייבערשטער וועט זעהן אייער ערנסטקייט און אננעמען אייער תשובה. ער וועט אייך נאכאמאל צוזאמנעמען און צוריק ארויף ברענגען קיין ארץ ישראל, אבער דאס מאל וועט עס שוין זיין פאר אייביג! ווייל דאס מאל וועט איר באקומען א ספעציעלע מתנה וואס איז נישט געווען ביז יעצט: **וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ...** דער אייבערשטער וועט אויף אייביג אוועקנעמען דעם הארטן שיכט וואס באדעקט אייער הארץ און עס וועט אוועקגיין דאס טיפשות וואס ליגט אין אייער הארץ און אין די הערצער פון אייערע קינדער! (אונקלוס)

ד"ה: לעתיד לבא, נאך וואס מיר אלע וועלן תשובה טוהן מיטן גאנצע הארץ, וועט דער אייבערשטער מבטל זיין דעם יצר הרע און... די הארץ וועט נאר וועלן טוהן גוטס אדער קלוגע זאכן, פונקט ווי דער שכל וויל... **געענדיגט מיט די אלע קאנפליקטן פון די שכל קעגן די תאוות,** אלעס וועט וועלן די זעלבע זאך.

**דער רמב"ן איז מסביר:** פון דער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז דער סדר אזוי אוועקגעשטעלט געווארן: דער שכל וויל איין זאך און דער הארץ וויל עפעס אנדערש. יעדער ציהט צו אן אנדערע וועג און דער מענטש שטייט אינדערמיט אינגאנצן צומישט, ער דארף בוחר זיין וועלכע וועג איז ריכטיג און צו וואו ער וויל גיין... ער וויל זיין דער צדיק אדער דער רשע...

דאס אלעס איז בזמנינו אלה, ווען מיר האבן אן ערלת הלב. אבער נאך דער תשובה שלימה בימות המשיח, וועט ווערן אינגאנצן אנדערש. דער אייבערשטער וועט מל זיין דעם ערלת הלב און דאס הארץ וועט שוין בכלל נישט וועלן און גליסטן למה שאינו ראוי... פונקט ווי אדם הראשון פארן חטא האט נאר געגליסט צו טוהן גוטס, אזוי אויך נאך די מילה, וועט אונזער הארץ שוין מער נישט גליסטן צו קיין שום שלעכטס. די בחירה וועט שוין מער נישט זיין מצד דער מענטש אליין, נאר מצד הטבע עצמו, ווייל דער הארץ וועט אויך וועלן נאר גוטס און שוין נישט האבן קיין רצון צו טוהן אנדערש... ע"כ.

קען דאך א מענטש טראכן, "אוי, הלואי ווען איך וואלט דאס געקענט שפירן נאר איין מאל אין מיין לעבן, ווי אנדערש וואלט איך אויסגעזעהן?"



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

## לאמיר אריינקלערן:

### איז דאס טאקע נאר לעתיד לבא, אדער קענען מיר היינט אויך זוכה זיין צו א מעין פון יענעם געפיל?

לאמיר א קוק טוהן אין די ווערטער פונעם הייליגן בעל הטורים אויפן פסוק **אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב...** זאגט דער בעל הטורים: די אנהייב פון די ווערטער **אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב...** זענען ר"ת "אלול", **לכך נהגו להשכים להתפלל סליחות מראש חודש אלול ואילך.** (כמנהג ספרד)

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס זאגט דא דער בעל הטורים? וואס איז די שייכות פון די ר"ת פון אלול מיט די ווערטער פון די פסוק? אויב דער פסוק גייט ארויף אויף לעתיד לבא, וואו קומט אריין אלול?

נאר מען קען אפשר זאגן (לפי היסודת שמבואר בספרי חסידות) אז די תורה וויל אונז דא מרמז זיין א געוואלדיגע לימוד. אמת, די פסוק רעדט פון לעתיד לבא, אבער עס איז פאראן נאך א צייט וואס קען זיין מעין פון ימות המשיח. דהיינו: **פונקט ווי דעמאלט ע"י התשובה אמיתית, וועט מען זוכה זיין צו א געוואלדיגע סייעתא מן השמים אז דער הארץ וועט נישט שלעפן פארקערט פונעם שכל, קענען מיר היינטיגע צייטן, בזמני התשובה, אויך זוכה זיין צו א מעין פון יענע צייט!**

בימי הרחמים והרצון, חודש אלול און תשרי, ווען יעדעס הארץ לעכצט פאר תשובה, קענען מיר זוכה זיין צו א מעין פון דעם בחינה פון **וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ...** מען קען אראפנעמען פון זיך דעם ערלת הלב פון א גאנץ יאר און שלעפן דאס הארץ צו די צד הטוב, מען קען ארויסברענגן דעם אהבה הנסתרת אז דאס הארץ זאל נאר ווענלן טוהן דעם רצון ה'. ווי אזוי? דורך תשובה, תפילה וצדקה, **לכך נהגו להשכים להתפלל סליחות מראש חודש אלול ואילך...**

אמת, דאס אז דער יצר הרע זאל אינגאנצן בטל ווערן, דאס וועט טאקע נאר זיין לעתיד לבא ווען שכר ועונש וועט אויך בטל ווערן. אבער כדי אנקומען צו א קליינע ביטול פון די יצר הרע, דער הארץ זאל ווייניגער גליסטן צו טוהן שלעכטס און דער אהבת ה' זאל גובר זיין, דאס קענען מיר אויך יעצט זוכה זיין דורך תשובה טוהן בזמני התשובה...

## פארוואס האט דער רבי אלימלך זי"ע זיך צושמייכלט אין א' סליחות?

איין יאר, בשעת'ן זאגן סליחות דעם ערשטן טאג סליחות, האט זיך דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע צושמייכלט. ווען די תלמידים האבן זיך זייער געוואונדערט דערויף, האט דער רבי ר' אלימלך זי"ע געזאגט, "הערט אייך איין, איך וויל אייך דערציילן וואס דא האט יעצט פאסירט."

פלוני אלמוני, א אדם פשוט מאוד, האט געהאט א גוט גייענדיגע געשעפט. ויהי היום, איינע פון די גוים האט זיך פארגליסט און אויך געעפענט דעם זעלבן געשעפט ווי דער איד. דער איד, זעענדיג ווי דער גוי לייגט צוגרינד זיין ביזנע"ס, האט אנגעהויבן האבן טענות אויף כביכול (חלילה). האט פאסירט אז יעדעס מאל וואס דער גוי האט צוגענומען א קונה, האט דער איד ליידער געדאווענט מיט איין שטיקל ווייניגער. נאך א קונה אוועק, נאך א שטיקל ווייניגער, ביז ער האט שוין אינגאנצן אויפגעהערט דאווענען. אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז דער איד האט שוין בכלל נישט געמאכט קיין ברכות. ער קען פשוט נישט! ער און זיין ווייב זענען דאך ברוגז אויפן אייבערשטען!

אבער ווי נאר עס איז אנגעקומען א' סליחות פארטאגס, האט דעם איד אנגעכאפט א התעוררות, א פחד און א ציטער. דער איד האט געטראכט. "ניין, עס קען אזוי נישט גיין ווייטער. **איך מוז זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטען!"**

דער איד האט גענומען א פלאש וויין און אנגעגאסן איין כוס פאר זיך און נאך א כוס פארן אייבערשטען, און געזאגט, "רבוש"ע, לאמיר מאכן א לחיים. איין כוס פאר מיר און איין כוס פאר דיר. איי, דו טרינקסט דאך נישט קיין וויין, וועל איך טרינקען דיין כוס אויך". און אזוי האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט און געזאגט "לחיים, לחיים, לאמיר זיך איבערבעטן". דערנאך, האט ער געטראכט, "אוי! מיין ווייב. זי דארף דאך אויך זיך איבערבעטן אבער זי שלאפט נאך... נו, וועל איך שוין טרינקען פאר איר אויך!" האט ער געטרינקען נאך צוויי... "אבער וואס וועט זיין מיט מיין יונגעלע, מיין טאכטער..." און אזוי האט דער איד געטרינקען פאר אלעמען צוויי כוסות, איינס פארן שולדיגער און איינס פארן אייבערשטען...

עס איז געווארן א רעש אין הימל. דער פמליא של מעלה איז אראפגעקומען זעהן פון דער נאנט ווי אזוי דער איד בעט זיך איבער מיטן אייבערשטען און זיי האבן זיך צולאכט. פירט אויס דער הייליגער רבי, ר' אלימלך, "דערפאר האב איך זיך אויך יעצט צולאכט." (מפי הרה"ק ר' איציק'ל מפשעווארסק זצ"ל שקיבל ממרן הק' משינאוו זי"ע או מהרה"ק מציעשינוב זי"ע)[א]

**דאס האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געמיינט!** דער נקודה הפנימית פון א איד דערקענט מען דעם ערשטן טאג סליחות פארטאגס... **א' סליחות באקומט יעדער איד א ציטער, א הירור און א רצון צו תשובה טוהן. די שאלה איז נאר וואס מען טוט מיט דעם הירור?!**

ווי קאמיש די מעשה קוקט אונז אויס, שטייען מיר נישט ווייט פון דעם דארפסמאן. וויפיל מאל מאכט זיך ליידער מצבים וואס מיר גייען אריין אינעם זעלבן שיפל, ווערנדיג עטוואס כאילו ברוגז אויפן אייבערשטען?! און מיר האבן טענות, "פארוואס טוט ער אזוי? פארוואס מאכט ער אזוי?" יעצט, ווען מיר שטייען ביים שוועל פון א' סליחות, **לאמיר זיך איבערבעטן...**

[א] הובא בספר פתגמין קדישין מספר בית היין מעליץ שכ' עובדה זו שמעתי כמה פעמים מאא"ז הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק זי"ע

## דעם התעוררות שיקט דער אייבערשטער,
### מיר דארפן עס נאר ממשיך זיין...

זאגט דער בן איש חי[ב]: עס איז דא צוויי מיני תשובות. עס איז דא א תשובה וואס איז נאר "**בהרהור**", דער מענטש האט חרטה אין הארצן אבער בפועל טוט ער גארנישט. דער צווייטע מין תשובה, "**תשובה בפועל**" איז דער עיקר תשובה. דער מענטש טוט אויך עפעס, ער פאסט און וויינט, געבט צדקה, זאגט ווידוי און האט חרטה, וכיו"ב.

זאגט דער בן איש חי: דער ערשטע תשובה, "**תשובת ההרהור**" קומט מכוחו יתברך, דער אייבערשטער אליין שיקט דאס אריין אין א אידשע הארץ, כדי מען זאל זיך קענען ספראוועגען מיט די יצר הרע וואס קומט כסדר אנרייצן דעם מענטש צו טוהן שלעכט. דהיינו, דורכן הרהור תשובה וואס דער מענטש באקומט, קען ער מלחמה האלטן מיטן יצר דורך תשובה טוהן א "**תשובה בפועל**".

הגם דער תשובה בהרהור איז אויך א תשובה, איז דאס אבער פארט נישט גענוג, דער עיקר תשובה איז דער תשובה בפועל.

און דאס בעט כלל ישראל פונעם רבוש"ע, "**משכני אחריך נרוצה**". **משכני:** "רבוש"ע, שלעפ אונז. שיק אונז דעם הרהור תשובה, ווערסטו זעהן ווי דערנאך **אחריך נרוצה**, מיר וועלן דיר נאכלויפן מיט א תשובה בפועל..."

יעדעס יאר בימי הרחמים והרצון, שיקט דער אייבעשטער עטליכע מאל פאר א איד דעם הרהור תשובה, מיר דארף דאס נאר טראגן ווייטער, **בפועל** אנהייבן זיך בעטן ביים רבוש"ע, "**לאמיר זיך איבערבעטן...**" און אנהייבן טוהן גוטס. יעדע פון די טעג פון די ימי הסליחות איז א נאך א טאג וואס מיר זאגן פארן אייבערשטער, "וואס איז געווען איז געווען, פון יעצט וויל איך שוין זיין גוט".

~

### וואס איז ראש השנה? א יום המשפט וואס מען איז נערוועז און אנגעצויגן אדער א יום טוב וואס מען איז פרייליך און צופרידן?

פרעגט דער ייטב לב (פרשת שופטים): דער ערשטע טאג סליחות זאגט מען, "**זוחלים ורועדים מיום בואך**", מען איז דערשראקן און פארציטערט פון דער טאג וואס קומט. עס קוקט לכאורה אויס אז ר"ה איז א יום הדין, א טאג וואס מען דארף זיין נערוועז און אנגעצויגן. אבער פון די אנדערע זייט, טרעפן מיר אינגאנצן אן אנדערע בילד אין ירושלמי.[ג]

**א"ר סימון כתיב: כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו** (דברים ד, ז). ווער איז נאך אזא גרויסע פאלק (דהיינו, אזוי חשוב ווי כלל ישראל) וואס דער אייבערשטער איז אזוי נאנט צו זיי. פון וואו זעהט מען דער גרויסע נאנטקייט?

ר' חנינא ור' יהושע זענען מסביר: דער סדר פון דער וועלט איז אז ווען איינער האט א גרויסע משפט, דרייט ער זיך ארום אינגאנצן דערשראקן און פארלוירן. ער פירט זיך אויף ווי אן אבל, ער טוט זיך אן שווארצע קליידער, לאזט זיך וואקסן זיינע האר און שניידט נישט די נעגל. ער איז פאר'דאגה'ט און פאר'צער'ט, "וואס גייט זיין מיט מיין משפט?"

אבער ביי כלל ישראל איז דאס נישט אזוי. זיי האבן א משפט, אבער פונדעסוועגן, דרייען זיי זיך ארום פרייליך און צופרידן. ביי זיי איז יעצט א יום טוב, מען טוט זיך אן ווייסע קליידער, מען שערט זיך און שניידט די נעגל, מען עסט און טרינקט, מען פריידט זיך, "אה, אזא הייליגע יום טוב..." **וואס איז ראש השנה? א יום המשפט ווען מען דארף זיין נערוועז אדער א יום טוב וואס מען איז פרייליך?**

זאגט דער ייטב לב:ביידע זענען אמת. פאר ראש השנה, די ימי האלול וואס איז סוף יאר, דארף א מענטש כאפן א פחד און א ציטער פון דעם גרויסן משפט וואס גייט זיין. אבער ביום המשפט עצמו, אינעם הייליגן טאג ראש השנה (נאך וואס דער מענטש איז שוין מעורר געווארן צו תשובה), **אז יבטח בשם ה' וישען באלקיו כי יוציא לאור מפשטו, ולא להראות ח"ו שום עצב.**

ראש השנה אליין דארף א מענטש זיין פרייליך און צופרידן און זיך גענצליך פארלאזן אויפן אייבערשטען אז נאכדעם וואס ער האט געטוהן וואס ער דארף בימי האלול, וועט אים דער אייבערשטער אודאי מזכה זיין בדין.

## פון וואו האט מען זכותים?

נו, ווען דער איד טוט תשובה מיט א ברען און א חשק, מעקט מען אויס אלע זיינע עבירות, אבער ווי אזוי האט ער יעצט זכותים? לכאורה וואלט געדארפט זיין אז גלייך נאך מען טוט תשובה, ווערט מען ווי א ניי-געבוירן קינד, נישט קיין עבירות און נישט קיין מצוות. דעמאלטס ווי אזוי באקומט מען דעם גוט געבענטש יאר?

זאגט די גמרא (יומא פו.): אמר ריש לקיש: **גדולה תשובה שזדונות נעשית לו כזכיות...** ווען איינער טוט תשובה מאהבה, נישט נאר וואס דער תשובה מעקט אויס די עבירות, נאר עס טוט אויך אנפאקן דעם מענטש מיט פיל זכותים.

ווי אזוי פאסירט דאס? דער חתם סופר איז מסביר.... (סוף פרשת תצא) **אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי...** (תהילים כז לדוד ה' אורי). זאגט דער חת"ס: דער קאפיטל גייט ארויף אויפן בעל תשובה. **אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ**, דער בעל תשובה וואס האט יעצט תשובה געטוהן, ער בעט זיך ביים רבוש"ע, "רבוש"ע, איך בעט דיר, מאך מיינע זדונות וואס איך האב אנגעמאכט ביז אהער, זאל

---

[ב] בספרו בן איש חיל ח"א דרוש א' לשבת תשובה בא"ד...

[ג] ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ג, הובא בטור אורח חיים סו"ס תקפא.


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן torah10952@gmail.com

איבערגעדרייט ווערן לזכיות, **שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי**, פארערכן אלע מיינע טעג (אפי' די טעג וואס זענען שוין אריבער) **ווי גלייך איך וואלט דעמאלטס אויך געזעצן אין ביהמ"ד**..."

זאגט דער חת"ס: לאחר מאה ועשרים, ווען דער מענטש וועט זיך שטעלן ליום המשפט הגדול והנורא, וועט ארויפקומען צוויי פאר עדים, איינס איז דער נשמה מיט זיינע איברים און איינס איז דער ס"ם מיט זיינע חברה. נו, דער וואס האט תשובה געטוהן בעוה"ז מיט אן אמת'ע תשובה שלימה און האט זוכה געווען אז זיינע זדונות זענען געווארן זכיות... וועלן זיינע צוויי גוטע עדים, זיין נשמה און זיין גוף קומען און עדות זאגן שביום פלוני הלכנו לבהכ"נ ובהמ"ד, כאטש וואס באמת איז ער יענעם טאג געווען ערגעץ אנדערש אינגאנצן, פארט אבער זענען די אלע מעשים געווארן זכיות און דער הליכה פון גיין צו די עבירה איז גאר געווארן אן הליכה צום ביהמ"ד...

אבער דער ס"ם מיט זיינע חברה, ווי נאר זיי וועלן הערן די עדות... וועלן זיי קומען צו לויפן און שרייען, "וואס גייט דא פאר?! איר זענט עדים זוממים, עמנו הייתם ביום פלוני בבית טרטיאות..."

מיט דעם טייטשט דער חת"ס דער המשך: **אַל תִּתְּנֵנִי בְּנֶפֶשׁ צָרָי** (פסוק יב), רבוש"ע, רעכן זיך נישט מיט זיי און מאך מיר נישט שוואר, **כִּי קָמוּ בִי עֵדֵי שֶׁקֶר**, ווייל עס זענען געקומען די עדי שקר, דער ס"ם מיט זיינע שלוחים און געזאגט **וִיפֵחַ חָמָס**, אז מיר זענען עדי חמס, נישט קיין כשר'ע עדות... רבוש"ע, עס איז אמת אז עס קוקט אויס אזוי, אבער...

**לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי**, ווען נישט אז איך גלייב באמונה שלימה **לִרְאוֹת בְּטוּב-ה' בְּאֶרֶץ חַיִּים**, אז דורך מיין תשובה ווערט איבערגעדרייט מיינע מעשים, וואלט מיין גוף און נשמה באמת געווען עדים זוממים. אבער וויבאלד איך גלייב באמונה שלימה אז מיין תשובה דרייט איבער מיינע מעשים און יא, אפי' איך בין געווען אין טיאטער, ווערט דאס יעצט פארערכנט ווי איך בין געווען אין ביהמ"ד, הנני עד אמת[ד], בין איך ערליך און גוט מיט זכותים...

**לולא האמנתי לראות בטוב ה'**, זאגט דער בעל הטורים (שם דברים ל ו): **לולא** האט די זעלבע אותיות ווי **אלול**, **שמאלול ואילך חרדתי נגד ה'**... וואס האט דער פסוק דייקא מיט אלול? נאר טאקע היינו הך. דייקא יעצט אין די הייליגע טעג, ווען מיר אלע זענען ווי בעלי תשובה, דארפן מיר אויך די אמונה, כדי מען זאל אונז מרבה זיין בזכותים און ח"ו נישט מדחה זיין דורך די מקטריגים.

מיט דעם, קענען מיר בעססער פארשטיין בדרך רמז, דער מנהג וואס אביי האט קובע געווען, **אמר אביי[ה] השתא דאמרת סימנא מילתא היא יהא רגיל איניש למיכל ריש שתא קרא ורוביא כרתי סילקא ותמרי**... און אזוי זאגן מיר: **קרא**: שתקרע רוע גזר דינינו, ויקראו לפני ה' זכויותינו. **רוביא**: שירבו זכויותינו. **כרתי**: שיכרתו אויבנו. **סילקא**: שיסתלקו אויבנו. **תמרים**: שיתמו אויבנו.

לכאורה דארף מען פארשטיין: **ווי אזוי איז מען מרבה זכותים? אויב מען האט געטוהן מצוות, האט מען פארדינט. אויב מען האט נישט געטוהן, פארדינט מען נישט. ווי אזוי איז מען "מרבה"?** אזוי אויך, וואס איז דער שיכרתו אויבנו, שיסתלקו אויבנו... וואס האט דער ענין פון מרבה זיין בזכיות צוטוהן מיטן שונא?

נאר טאקע דאס איז דער מכוון דא. וויבאלד ווען מיר טוהן תשובה מאהבה, ווערט אונזער אלע מעשים פון א גאנצע יאר איבערגעדרייט צו זכותים, קומט דער שטן צו לויפן... "אוי וויי! וואס גייט דא פאר?! אזויפיל פעק פון זכותים! פון וואו קומט דאס צו דעם מענטש? עמנו הייתם דא און דארט, ער האט געטוהן דאס און דאס, ער האט בכלל נישט אזויפיל זכותים!!!"

דערפאר, מאכן מיר די אלע סימנים און בעטן זיך ביים רבוש"ע, "**שירבו זכויותינו, שיכרתו אויבנו, שיסתלקו אויבנו, ויקראו לפני ה' זכויותינו.**" רבוש"ע, לולא האמנתי איז די אותיות אלול, בימי אלול ותשרי האבן מיר די אמונה אז מיר זענען מרבה זכותים און מיר בעטן דיר, "רבוש"ע, נעם אוועק דעם שונא און לייג אונז צו ווי מער זכותים אז מיר זאלן האבן א גוט געבענטשטע יאר..."

~

וא"ת, אויב קוקט מען אריין אין די סוגיא פון תשובה אין מס' יומא (פו:), זעהט מען אז נאר ביי תשובה מאהבה האט ריש לקיש געזאגט, "**גדולה תשובה שזדונות נעשית לו כזכיות**". משא"כ, ביי תשובה מיראה האלט ר"ל אז "**גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כשגגות**", די עבירות ווערן נאר אפגעשוואכט און ווערן פארערכנט ווי שוגגות. אויב אזוי, הא תינח, ווען מיר טוהן תשובה מאהבה, פארשטייען מיר ווי אזוי מען איז מרבה זכיות ביום ראש השנה, אבער אויב מיר טוהן נאר תשובה מיראה, עס כאפט אונז אן א פחד און מורא פונעם יום הדין, ווי אזוי קענען מיר דעמאלטס מרבה זיין זכיות?

### א חידוש פונעם אור לשמים:

## היינטיגע צייטן איז מער נישט קיין חילוק!

זאגט דער אור לשמים (מר' מאיר הלוי מאפטא זי"ע) א געוואלדיגע חידוש: היינטיגע צייטן איז נישט קיין חילוק ווי אזוי דער תשובה איז, ביידע קענען מיר פארערכענען ווי תשובה מאהבה. מען דארף פשוט צו לערנען אנדערש פשט אין די גמרא.

דהיינו, די גמרא האט געפרעגט א סתירה: איינמאל זאגט ר"ל, "**גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כשגגות**" און אן אנדערע מאל זאגט ער, "**גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות...**" ענטפערט די גמרא: **לא קשיא! כאן מאהבה כאן מיראה.** האבן מיר געלערנט פשט אין די גמרא'ס תירוץ אז דער חילוק איז וועלכע תשובה "דער מענטש טוט".

---

[ד] דער חת"ס חזר'ט איבער דעם רעיון עטליכע מאל אין זיין ספר, עי' באוצרות חת"ס פרשת בא ניסן, עמוד ש"כ, וואו ער רעכנט דארט אויס נאך 12 פלעצער וואו דער חת"ס שרייבט דער רעיון. (תודה מיוחדת לידידי הרב פ.א. פר"מ שליט"א)

[ה] הוריות יב. - כריתות ו.

זאגט דער אור לשמים: ניין, ווען די גמרא זאגט "כאן מאהבה כאן מיראה", מיינט צו זאגן אז עס ווענדט זיך ווען ר"ל האט געזאגט די מימרא, האט ער דאס געזאגט ווען ער איז געווען אן "עובד מיראה" אדער האט ער דאס געזאגט ווען ער איז געווען אן "עובד מאהבה"...

דהיינו, ווי באקאנט איז ר"ל געווען א בעל תשובה. ער איז נתקרב געווארן לעבודת השם דורך ר' יוחנן. נו, אין אנהייב ווען ער איז נאך געווען אין די נידריגע מדריגה, ער האט נאר משיג געווען מחמת יראה און נאר געקענט משפיע זיין דער דין פון **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כשגגות**, אבער נאכדעם וואס ער האט אויסגעשטיגן, ער איז אנגעקומען צו די העכערע מדריגה פון זיין אן עובד ה' מאהבה, האט ער שוין געקענט פסק'נען **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות.** ווייל א צדיק כשהוא במדריגה גדולה כשעובד ה' מאהבה עילאי יש לו כח יותר להפסיק טוב על בני ישראל ולהשפיע להם חסדים גדולים וכל טוב סלה...

נו, יעצט נאך וואס ר"ל האט שוין גע'פסק'נט **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות,** איז עס א בחינה פון צדיק גוזר והקב"ה מקיים, וכך ההלכה. נישט קיין חילוק ווי אזוי דער מענטש טוט תשובה, אפי' ער טוט תשובה מיראה, איז דער הלכה **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות...** (אור לשמים שלח עה"פ ויאמר ה' סלחתי כדבריך או יאמר)

## פארוואס ווערן די אלע עבירות זכותים?

איז דער קדושת לוי מסביר, (כי תבא עה"פ וה' האמירך) בא"ד: וויבאלד דער אייבערשטער האט א געוואלדיגע תעניג פון א בעל תשובה! ווען דער אייבערשטער זעהט איינער וואס האט אפגעזונדיגט אזויפיל ווערט פלוצלינג נתלהב לעבודת ה', מאכט דער אייבערשטער אז זיינע עבירות זאלן ווערן מצוות, ווייל די עבירות זענען דאס וואס האט אים צוגעברענגט צו זיין יעצטיגע גרויסקייט, אזא איינער וואס איז געווען אזוי ווייט זאל זיך יעצט אזוי צוריקקערן, ממש א נחת!

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם...** זאגט דער באר מים חיים: "**היום**", דאס איז דער הייליגע טאג ראש השנה, דעם טאג וואס "**אתם נצבים**", אייער נשמה ווערט געזעהן "לפני ה' אלקיכם", יעדע איינציגסטע פון אייך גייט אריבער און מען איז בודק זיינע מעשים, **רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל**, און אין יענעם טאג ביום הגדול והנורא עת משפט עמו ישראל, ווערט נקבע חיותם ופרנסותיהם ומזונותיהם...

זאגט דער באר מים חיים: "כל ברכאין דלעילא ותתא ביומא דשביעאה תלין" (זוה"ק). יעדע ברכה, יעדע חסד, יעדע טובה וואס קומט אראפ במשך פון די וואך לכללות העולם או לאדם פרטי, **הכל נעשה ונתמשך בשבת קודש שלפניה**, קומט פון דער קוואל וואס איז געבענטשט געווארן אינעם שבת קודש פריער.

**ונמצאת למד מזה,** שגם ביום הגדול והנורא עת משפט עמו ישראל בראש השנה, והקצבת חיותם ופרנסותיהם ומזונותיהם. ווען ווערט דער קוואל פון ראש השנה געבענטשט? דער שבת קודש פאר ראש השנה.

דערפאר ווערט געפסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכ"ח סעיף ד'), **לעולם קורין אתם נצבים קודם ראש השנה**, עיי"ש. פארוואס? זאגט דער הייליגער באר מים חיים: לפי שהוא מרמז על ראש השנה! והראש השנה נרמז ונחקק בשבת שלפניו, אין דעם הייליגן שבת קודש פרשת נצבים פארמירט זיך דעם קוואל פון שפע וואס קומט אראפ ביום הגדול והנורא ראש השנה תשפ"א לפ"ק. אויב אזוי, דעם שבת דארפן מיר זיך מאכן גרייט פאר ר"ה. לאמיר טאקע מאכן די ריכטיגן הכנה צום שב"ק און צום הייליגן יום טוב!

# מוסר השכל

## א' סליחות – וואס מיינט דאס פאר אונז?

א' סליחות איז א זמן וואס דער אידישע פינק ווערט נתעורר לתשובה. יעדער כאפט דעם ציטער, אונזער עבודה איז צו נעמען דעם פינק און דאס ווייטער ברענגען לתשובה בפעול, אויסנוצן דעם וואך לתשובה ומעשים טובים.

זאגט דער ייטב לב: די טעג פון אלול זענען פחד'יגע טעג, אבער עס ברענגט אונז צו צו קענען האבן א פרייליכע ראש השנה מיט א ריבוי פון זכותים. **ווייל תשובה ברענגט זכותים...**

**וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ...** איז ר"ת **אלול**.

חודש אלול קען מען זיך איינבעטן ביים בורא כל עולמים אז ער זאל אונז שענקן דעם מעין פון לעתיד לבא אלץ מתנה און אוועקנעמען פון אונז די ערלת הלב כדי אונזער הארץ זאל צוען צו טוהן נאר גוטס. ווייל ווען דער ערלת הלב איז נישט דא, טוט דער הארץ דאס וואס זי באמת וויל. אין די יעצטיגע טעג בעטן מיר, "**רבון העולמים, גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך ומי מעכב שאור שבעיסה...** יהי רצון מלפניך שתצילנו מידם ונשוב לעשות חוקי רצונך בלבב שלם." (ברכות יז. ר' אלכסנדרי בתר דמצלי אמר הכי).

מיר בעטן "**משכני**, רבוש"ע שלעפ אונז, שיק אונז דעם הרהור תשובה, ווועסטו זעהן ווי דערנאך **אחריך נרוצה**, מיר וועלן דיר נאכלויפן מיט א תשובה בפועל..."

**בזמנינו אלה, וואס איז דער תשובה ומעשים טובים וואס דער מענטש דארף טוהן? לערנט אונז דעם אריז"ל!**

דער תלמיד פונעם הייליגן אריז"ל, רבי חיים וויטאל ז"ל, האט אמאל געפרעגט זיין הייליגן רבין, "אויב רבי אלעזר בן עזריה האט צוליב דער מעשה פון די קוה (שבת נד:) געפאסט אן א שיעור תעניתים ביז זיינע ציין זענען שווארץ געווארן, וואס זאלן מיר זאגן, ווען אונזער דור איז אסאך שוואכער?"

**האט אים דער הייליגער אריז"ל געענטפערט**, "אין אונזער שוואכן דור, ווען עס איז דא אזא הסתרת פנים און עס קומט אן אזוי שווער צו טוהן יעדע מינדערסטע זאך פון עבודת השם, איז בלויז א קרעכץ וואס קומט פון טיפעניש פון הארצן, טייער און באליבט אין די אויגן פונעם הייליגן באשעפער, מער פון די תעניתים און די סיגופים פון די הייליגע תנאים און אמוראים פון די פריערדיגע דורות."

לייגט צו דער ישמח ישראל אויף דעם, "אויב אין די צייטן פון דעם הייליגער אריז"ל האט מען שוין אזוי געזאגט, אז צוליב די שוואכקייט פונעם דור איז יעדע קלייניקייט פון עבודת השם ווערד א הון רב, קל וחומר היינטיגע צייטן, ווען עס איז נאך פיל שווערער, איז יעדע קלייניקייט וואס מען טוט פארן באשעפער'ס וועגן, ווערד אסאך מער! (קונטרס "לאמיר דערציילן" תשרי עה')

**יעצט ווען די הארץ איז אפן, לאמיר אריינכאפן ווי מער!**